# סצענע 13 ב'

# Escena 13 B

## וואָס פֿעלט ?

## ¿Qué falta?

יאָסל - וואָס הייסט עס פֿעלט נאָך עפּעס ? וואָס איז מיט דיר רייזל ?

בערל - אַפֿילו די דירה איז אויך שוין גרייט. אין אַ שיינער געבײַדע, נישט אויף אַ הויכן שטאָק, נאָר אויף אַ נידעריקן, אַזוי ווי דער זיידע האָט געוואָלט.

זעליג - און טאַקע נישט ווײַט פֿון אונדזער שטוב !

גיטל - מעבל האָט איר שוין, רייזל. אַ בעט אין שלאָפֿצימער, אַ סאָפֿע אין דער זאַל, אַ טיש מיט שטולן אין עסצימער.

גיסע- ביילע - אַ גוטן אויוון צו קאָכן האָט איר אין דער דירה, מיט אַ נײַעם אײַזקאַסטן...

ציווקע - אַ טעלעפֿאָן פֿאַר זיך אַליין אין שרײַבצימער.

יאָסל - און אַ נײַע טעלעוויזיע האָט איר אויך . וואָס פֿעלט נאָך, רייזל ? אַאַאַ, איך ווייס! עס פֿעלט אַן אָרט ווו אַוועקצו-שטעלן די פּורים- מאַסקעס !

גאָלדע - אוי יאָסל... דו רעדסט ווי מענדל... הייב נישט אָן מיט דײַנע מעשיות. גיי נאָך אַ מאָל אין קיך אַרײַן און נעם עפּעס עסן. רייזל איז גערעכט. עס פֿעלן נאָך אַ פּרעסאײַזן, אַ צוברוינער, אַ מיקראָכוואַליע, אַ וואַשמאַשין אָדער אַ ראַדיאָ..

בערל - לויף נישט, גאָלדע. די אַלע זאַכן וועלן זיי ביסלעכווײַז קויפֿן.

רייזל - ניין, ניין, ניין. איך רעד נישט וועגן דער דירה, נישט וועגן אַ פּרעסאײַזן, נישט וועגן אַ צוברוינער, אַ מיקראָכוואַליע, אַ וואַשמאַשין אָדער אַ ראַדיאָ... איך רעד וועגן עפּעס אַנדערש.

גיטל - וואָס פֿעלט, רייזעלע ? מיר האָבן שוין אונדזערע חתונה קליידער.

רייזל - ניין, ניין, עס פֿעלט עפּעס אַנדערש.

אַלע - איז וואָס פֿעלט, רייזל ?

רייזל - עס פֿעלט רעדן וועגן אונדזער חתונה-נסיעה !!!